# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קפ"ח – דברים (חזון) תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


תתתתקפב) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער
## הרה"ח ר' שלום אלי' פעלבערבוים ע"ה

מיין פאטער הרה"ח ר' שמואל יודא ז"ל איז געווען שו"ב אין קאלוב אין די צייטן פונעם **באר מנחם** זי"ע. דער קאלוב'ער רב האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים פינף און פופציג יאר, און אלע זיינע זמנים זענען געווען מוקדש נאר פאר הרבצת התורה. יעדן איינציגן זמן האבן ביי אים אין די ישיבה געלערנט צוויי הונדערט און פופציג בחורים וואס האבן איבער געפולט דאס ביהמ"ד פון ברעג צו ברעג, וואס במשך די יארן זענען אריבער געגאנגען אונטער זיינע פליגל צענדליגער טויזענטער תלמידים.

דער קאלוב'ער רב זצ"ל האט אמאל געזאגט פאר מיין טאטן ז"ל בערך שנת תרפ"ה "איך האב יעצט צוועלף טויזענט תלמידים כ"י, און איך קען די התנהגות און דעם מהות פון יעדן איינציגן תלמיד". (ישכר בער דאווידאוויטש, נטע מאיר דאווידאוויטש)

תתתתקפג) עס דערציילט מיין עלטער פעטער
## הרה"ח ר' שמואל יעקב טעללער הי"ו

עס איז געווען מיט אסאך יארן צוריק ווען כ"ק אדמו"ר מטאהש שליט"א איז געווען דאס ערשטע מאל אין ארץ ישראל, און ער האט געפירט טיש אין וואגשאהל זאל אין בני ברק.

מיין טאטע הרה"ח ר' משה דוד ז"ל אלס קאלוב'ער תלמיד איז געגאנגען צום טיש (דער טאהשער רבי איז געווען א פלומעניק פונעם קאלוב'ער רב בעל באר מנחם ז"ל) און בשעת'ן טיש האט זיך פון זיינע אויגן געגאסן טרערן. האב איך אים געפרעגט וואס גייט פאר? האט ער מיר געזאגט "ער פירט טיש ממש ווי מיין רבי ר' אשר"...

(דער באר מנחם האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, דעריבער האט ער אויפגעצויגן ביי זיך זיין פלימעניצע "שרה" די טאכטער פון הגה"ק רבי מרדכי מדעמעטעשער זצ"ל מזיוו"ר, און ער האט איר געהאלטן ווי אן אייגן קינד, כשהגיע לפרקה האט זי חתונה געהאט מיט איר פעטער הרה"צ ר' אשר לאווי זצ"ל, דער יונגסטער זון פונעם ערשטן טאהשער רבי'ן הרה"ק רבי משולם פייש זצ"ל, און ר' אשר איז געזעצן אויף קעסט ביים באר מנחם זצ"ל וועלכער איז געווען א איידעם ביים ערשטן טאהשער רבי'ן, נאך די פטירה פונעם באר מנחם האט רבי אשר לאווי זצ"ל ווייטער ממשיך געווען מיט די הנהגת הישיבה והקהלה).

האט מיין טאטע דערציילט אז דער קאלוב'ער רב **בעל באר מנחם** זי"ע איז נפטר געווארן ערב שב"ק פאר תשעה באב שחל בשב"ק, און יענעם פרייטאג צונאכטס האט זיין רבי ר' אשר זצ"ל געפירט טיש פאר די בחורים און געזינגען "מה ידידות". פלוצלינג איז די אלטע רעביצין אריינגעלאפן שאקלדיג מיט א טאש-טיכל מען זאל שוין אויפהערן צו זינגען דעם ניגון.

דאן האט מען זיך דערמאנט אז דער באר מנחם פלעגט בימי בין המצרים זינגען א אנדערע ניגון אויף מה ידידות. (פינחס נחמן גלויבער)

תתתתקפד) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יושע ארי' גרינוואלד הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' אליקים יודא גרינוואלד ע"ה איז געווען א תלמיד פון **הרה"ק רבי מנחם ב"ר אברהם ברוידא זצ"ל אב"ד קאלוב בעמח"ס באר מנחם** (זיין יארצייט איז קומענדיגן מאנטאג ח' מנחם אב) מידי שנה בשנה ביומא דהילולא פלעגט מיין טאטע מיט די אנדערע תלמידים פון בני ברק מאכן א סעודת הילולא, און מיין מאמע ע"ה פלעגט קאכן די פיש, און ביי די יארצייט סעודה פלעגט מען דערציילן מעשיות פונעם בעל הילולא.

מיין טאטע ע"ה האט דערציילט א מעשה פלא, עס איז געווען אינעם לעצטן יאר פון זיין לעבן בשנת תרח"ץ איז ער געווען זייער אפגעשוואכט, האבן אים די ראשי הקהלה געבעטן אז ער זאל פארן קיין ערדא בעניא צו די בעדער לרפואה. אבער ער האט נישט געוואלט ביז ווען דער שוחט הרה"ח ר' משה אברהם שטארק ע"ה האט אים געבעטן אז ער זאל פארן, האט דער קאלובער רב געזאגט אז אויב ער וועט מיטקומען וועט ער יא פארן.

דעמאלטס איז דער **באר מנחם** מיט זיין רביצין ע"ה (די טאכטער פונעם ערשטן טאהשער רבי'ן זצ"ל) מיט רבי משה אברהם ע"ה געפארן קיין ערדא בעניא. שוין אינעם ערשטן טאג האט דער באר מנחם געזאגט אז ער איז נישט צופרידן דארט ווייל קיינער קומט נישט נאך צדקה. נאך א שטיק צייט זענען געקומען אסאך ארימעלייט ביז ווען ער האט געדארפט בארגן אכציג פענגאס פון רבי משה אברהם אז ער זאל קענען ווייטער טיילן צדקה.

יענעם יאר איז ראש חודש מנחם אב אויסגעפאלן פרייטאג, שבת אינדערפרי האט די רביצין באמערקט אויף רבי משה אברהם אז ער איז זייער פארטראכט, און דער קאלובער רב שמייכלט. זאגט אים די רביצין "ר' משה אברהם איז באזארגט און דו שמייכלסט?!" זאגט דער קאלוב'ער רב "עס קומט אים א מזל טוב, ווייל עס איז אים געבוירן געווארן א בן זכר". ר' משה אברהם איז געווארן זייער פרייליך ווען ער האט געהערט די בשורה טובה פונעם רבי'ן.

מוצש"ק פרעגט ער דעם באר מנחם וועלכע נאמען ער זאל געבן פארן קינד, האט דער קאלוב'ער רב געענטפערט "מנחם"...

ר' משה אברהם איז אהיימגעפארן צום ברית, און דער קאלוב'ער רב איז אהיימגעפארן דורך קערעסטיר, און ער איז אריינגעגאנגען צום לעצטן קערעסטירער רבי'ן **הרה"צ רבי מאיר יוסף רובין ז"ל הי"ד**, און דער קערעסטירער רבי האט געבעטן פונעם קאלוב'ער רב אז ער זאל בענטשן זיינע צוועלף קינדער. האט דער קאלוב'ער רב גענומען דריי פון די קינדער, הרב ר' מענדל ז"ל, הרה"צ ר' ישכר בעריש זצ"ל (הרב מקערעסטיר ב.פ.) און א טאכטער ע"ה (הרבנית מקאסאני ב.פ.) און ער האט איר געפרעגט ווי אלט זי איז, האט זי געזאגט אז נאך תשעה באב ווערט זי אלט צוועלף יאר, האט ער געבענטשט די דריי קינדער. די דריי קינדער האבן איבערגעלעבט די קריג.

פון קערעסטיר איז ער אהיימגעפארן קיין קאלוב, און יענע נאכט איז ער נסתלק געווארן לחה"ה. עש"ק איז געווען די לוי', און שבת קודש איז געווען דער ברית, ביי וועלכן רבי משה אברהם ז"ל האט געגעבן א נאמען פאר זיין קינד "מנחם".

ביי די שלשים האט מען געשטעלט די מציבה און ר' משה אברהם האט געזאגט 'קל מלא רחמים' און דער עולם האט איהם געגעבן א 'טיפ' כנהוג. ווען ער האט אפגעציילט דאס געלט און עס איז געווען דער גענויער סכום פון אכציג פענגא, וואס דאס איז געווען גענוי דער סכום וואס דער **באר מנחם** האט געבארגט פון אים. זכותו יגן עלינו. (אליקים יודא גרינוואלד, אברהם שלום גרינוואלד, זאב וואלף פייערשטיין, יואל פייערשטיין, אליקים יודא גרינוואלד, אליקים יודא ווייס)

תתתתקפה) עס דערציילט אונזער טאטע
## הרה"ג ר' יעקב שרייבער שליט"א

ער האט געהערט פון כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א פארגאנגענעם מוצש"ק פר' מסעי העעל"ט ביי מלוה מלכה, א מעשה לרגל די הילולא קדישא פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע זאגנדיג "די מעשה 'איז ביי מיר זייער חשוב, ווייל איך האב דאס געהערט פונעם זיידן (הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זצ"ל) וואס האט

דאס געהערט מפ״ק הרה״ק משינאווא זי״ע וואס ער איז דארט געווען בשעת מעשה״.

״איינמאל האט דער ישמח משה געזאגט א דרשה עשרת ימי תשובה, דוכט זיך מיר אז עס איז געווען שלש עשרה מדות, און ער האט מעורר געווען דעם ציבור צו תשובה, און נאכגעזאגט די ווערטער פונעם דברי זוה״ק אז אפילו אויב איין בית המדרש טוט תשובה וועט זיין די גאולה שלימה״.

״דער עולם האט אנגעהויבן תשובה צו טון זייער שטארק, האט ער זיך אנגערופן צום עולם, לאמיר אלע שווערן אז מיר ווילן נישט ארויסגיין פון דא ביז משיח וועט קומען. עס זענען דארט געווען אנשים נשים וטף און יעדער איז געווען גרייט צו שווערן״.

״פלוצלונג איז געווען א רעש אין ביהמ״ד אז די עזרת נשים ברעכט זיך איבער און פאלט אראפ, יעדער איז ארויסגעלאפן פון ביהמ״ד אין שרעק, און נאר דער ישמח משה איז אליין דארט געבליבן, למעשה איז די עזרת נשים נישט אראפ געפאלן״. עס איז געווען מעשה שטן אז עס זאל נישט זיין די גאולה. (אהרן צבי שרייבער, מאיר שרייבער)

תתתתקפו) עס דערציילט אונזער זיידע

### הרה״ח ר׳ משה פאגעל הי״ו

בנוגע דאס ענין פון השתתפות צו די בחירות הטמאות איז וויכטיג צו וויסן אז עס זענען געווען מערערע פון די רבנים וואס האבן אונטערגעשריבן אויפן ׳חוב קדוש׳ צו גיין ווילן, נאר אויפן סמך ווייל אנדערע רבנים האבן אונטערגעשריבן.

עס האט מיר דערציילט הרה״ח ר׳ שמחה לאנדוי ז״ל, ער איז געווען א חסיד פונעם תולדות אהרן רבי״ן זצ״ל, און ווען דער רבי מרן **בעל דברי יואל** זי״ע איז געווען אין ארה״ק איז זיין רבי דער תו״א רבי אריבערגעגאנגען באזוכן דעם רבי״ן זי״ע, און ער האט געווארט אינדערויסן צו קענען אריינגיין.

ווען די צוויי אידן וואס זענען געווען אינעווייניג זענען ארויסגעגאנגען, איז דער תו״א רבי אריינגעגאנגען בקודש פנימה, זאגט אים דער רבי ״די צוויי אידן וואס זענען דא געווען זענען שלוחים פונעם טשעבינער רב, וואס ער האט זיי געשיקט מודיע זיין אז ער האט נישט מברר געווען דעם ענין פון הליכה לבחירות עפ״י הלכה, נאר ער האט אונטערגעשריבן דעם ׳חוב קדוש׳ ווייל ער האט געזעהן אז דער בעלזער רב האט גע׳חתמ׳עט״.

האט דער רבי ממשיך געווען ״איך בין געווען ביים בעלזער רב, און איך האב געפרעגט אויפן היתר פון די הליכה לבחירות, האט מען מיר דארט געזאגט אז דער בעלזער רב האט זיך סומך געווען אויפן פסק פונעם טשעבינער רב״.

״נו, רבי אברהם יצחק, קוקט אהער, דאס איז א דעת תורה?!״...

איינער האט אמאל געפרעגט איינעם פון די ערליכע רבנים שליט״א צי מ׳מעג גיין צו די בחירות, האט ער געענטפערט ״דער סאטמאר רב האט דאך מברר געווען אז עס איז אסור״. האט יענער געפרעגט ״אבער אייער טאטע האט דאך געזאגט אז מ׳דארף יא גיין צו די בחירות, האט ער געענטפערט ״אבער דער סאטמארער רבי האט דאס מברר געווען״. (יעקב זילבערשטיין, שמעי׳ ברוך גאלד)

תתתתקפז) עס דערציילט אונזער זיידע

### הרה״ג ר׳ אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט״א

איך האב געהאט א חבר אין די ישיבה וואס נאך זיין חתונה האט זיין ב״ב תחי׳ זיך אפגערעדט אז זי שפירט אז זי האט ל״ע א געוואוקס אין קאפ. גייענדיג צום דאקטער האט דער דאקטער אונטערגעזוכט און געזאגט אז ער זעהט ׳עפעס׳ נעבן מח.

דער אינגערמאן איז געווארן זייער צובראכן און ער איז געקומען צום רבי״ן **בעל דברי יואל** זי״ע מיט א קוויטל, און דערציילט פון זיין ביטערן מצב. דער רבי קוקט אריין אין קוויטל און ער לייגט עס אראפ אויפן טיש, און זאגט פאר דעם אינגערמאן ״איך שפיר נישט אז דאס זאל זיין עפעס... גיי צו דר. ארנהאל״.

דער אינגערמאן האט זיך פאראינטערעסירט אויף דעם דאקטער, איז ער געוואויר געווארן אז דאס איז גאר אן אויערן דאקטער...

ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס דער רבי האט אים געשיקט צו דעם דאקטער, אבער מיט אמונת צדיקים איז ער געגאנגען צום אויערן דאקטער, און נאכן אונטערזוכן האט דער דר. געזאגט אז ער זעהט אז זי האט זיך אויסגעפיצט די אויערן און עס איז געבליבן אינעווייניג א שטיקל וואטע פון די ׳קיוטיפס׳, און דאס איז וואס יענער דאקטער האט געזעהן נעבן מח... (חיים יוסף יצחק הכהן פריעדמאן, יעקב קרויס)

תתתתקפח) עס דערציילט אונזער זיידע

### הרה״ח ר׳ אברהם קויפמאן שליט״א

מיין שווער הרה״ח ר׳ דוד הערשקאוויטש ע״ה (זיין יארצייט געפאלט קומענדיגן מיטוואך י׳ אב) איז געווען זייער שטארק אין די מצוה פון הכנסת אורחים, עס פלעגן ביי אים איינשטיין צובראכענע מענטשן וואס האבן נישט געהאט קיין אייגענע היים, און קיינער האט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי.

ער האט זיי צוגעשטעלט פון אלעם גוטן, אזוי ווייט אז עס האט געקענט זיין אז ער אליין זאל דארפן גיין שלאפן ערגעץ אנדערש, ווייל די געסט האבן פארנומען אלע בעטן אין שטוב.

ער האט געוואוינט אין א קליינע אנדערט-האלבן צימערדיגע דירה, וואס איז געווען נאכגעלאזט און עס האט אריינגערעגנט.

ווען זיין שוועסטער אין אמעריקע האט געזעהן אין וואס פארא מצב ער וואוינט, האט זי צוזאמען געשטעלט פאר אים צען טויזנט דאללער, וואס איז אין יענע צייט געווען א הון רב אז ער זאל זיך קענען קויפן א געהעריגע דירה.

אין יענע צייט האט זיך איינער פון זיינע אורחים אויסגערעדט פאר אים אז ער איז א אלטער בחור, און ווען ער האט א סכום געלט וואלט ער געקענט חתונה האבן און אויפשטעלן א אייגענע שטוב.

ער האט נישט לאנג געטראכט און ער האט אוועקגעגעבן דאס גאנצע געלט פאר דעם בחור, כאטש ער האט געוואוסט אז מיט דעם האט ער פארלוירן די מעגליכקייט פון צו גיין קויפן א נייע גרעסערע דירה.

דער בחור האט טאקע א שידוך געטון און חתונה געהאט בשטומ״צ, און שפעטער ווען די שוועסטער איז געוואויר געווארן פון די מעשה האט זי פארשאפט פרישע צען טויזנט דאללער פאר זיין דירה. (דוד סג״ל מערמלשטיין, ארי׳ שמחה קויפמאן, קלונימוס אליעזר קויפמאן)

תתתתקפט) עס דערציילט אונזער זיידע

### הרה״ח ר׳ שמואל חיים ליפשיץ הי״ו

עס האט מיר דערציילט הרה״ח ר׳ שלמה גפן ז״ל אז זייענדיג אמאל ביים רבי״ן **בעל דברי יואל** זי״ע אין שטוב האט אים דער רבי געבעטן אז ער זאל אראפנעמען א טור שולחן ערוך, ווען דער רבי האט געעפענט דעם טור האט ער געזעהן אז עטליכע בלעטער זענען אפגעברענט, האט ער געפרעגט דעם רבי״ן צי דער רבי האט אמאל געהאט א שריפה?

האט אים דער רבי געענטפערט אז דאס איז געשעהן מיט יארן צוריק ווען ער איז געווען רב אין אורשיווע, און ער פלעגט לערנען ביי נאכט מיט א לעכטל אין די האנט כדי אויב ער וועט איינדרימלען זאל ער זיך אויפוועקן ווען ער וועט כאפן א בריה פון דאס לעכטל, איינמאל האט זיך דאס לעכטל איבערגעדרייט ה״י, און דאס האט אפגעברענט עטליכע בלעטער פונעם טור. (יואל גאלדבערגער, יצחק מענדלאוויטש)

תתתתקצ) עס דערציילט אונזער זיידע

### הרה״ח ר׳ אהרן הערש בערקאוויטש הי״ו

עס האט דערציילט הרה״ק **רבי ישעי׳לע קערעסטירער** זי״ע אז ער איז אמאל געווען אין צאנז ביים הייליגן **דברי חיים** זי״ע ווען זיין עלטער-שווער בזו״ש זקנינו הגה״ק **בעל בית היוצר** זי״ע איז דארט געווען, און דער הייליגער דברי חיים האט איינגעלאדנט דעם זיידן אז ער זאל קומען עסן מיט אים נאכטמאל, און ער האט געגעסן מיט אים פון איין שיסל. בשעת מעשה איז די טיר געווען פארשפארט און דער זיידע האט מיט אים פארברענגט בסוד שיח עטליכע שעה.

ווען ער איז ארויסגעקומען האבן אין די חסידים ארומגענומען און זיי האבן אים געבעטן אז ער זאל זיי איבער זאגן א ענין אדער אן הדרכה אין עבודת ה׳, אדער א מדריגה וואס ער האט יעצט געהערט פונעם צאנזער רב.

האט דער זיידע געענטפערט בענות קדשו ״איך האב זיך יעצט געלערנט פון זיין גרויסע קדושה אז ער קען עסן מיט א בעל עבירה אין איין שיסל״... (משה בערקאוויטש, שמואל מענדלאוויטש, מרדכי שווארץ, אליעזר טויב, יחיאל אלתר טויב)